# אמונה און בטחון

בעזהשי"ת | פרשת אמור תשפ"ד | גליון קס"ד

יו"ל ע"י
תלמוד תורה באיאן
תפארת מרדכי שלמה
בנשיאות
כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א


## דברי תורה ענינים וסיפורים על אמונה בטחון והשגחה פרטית

## דברי אמונה

**ויצא בן אשה ישראלית והוא בן איש מצרי בתוך בני ישראל וגו'**

**דער פסוק זאגט, עס האבן זיך געקריגט דער זון פון א אידישע פרוי מיט'ן זון פון א אידישן מאן, און דער זון פון די אידישע פרוי האט געשאלטן דעם באשעפער'ס נאמען כביכול. ברענגט רש"י אין נאמען פון תורת כהנים, ויצא, פון וואו איז ער "ארויסגעגאנגען"? זאגט איין מאן דאמר, אז ער איז ארויסגעגאנגען שולדיג פון בית דין פון משה רבינו ע"ה.**

**איז ער געקומען איינפלאנצן זיין געצעלט אין די מחנה פון דן, און ווען די מענטשן פון שבט דן האבן איהם געפרעגט וואס ער זוכט דארט צווישן זיי, האט ער געענטפערט, "מבני דן אני", איך שטאם פון שבט דן. האבן זיי איהם געזאגט: דער פסוק זאגט "איש על דגלו באותות לבית אבותם" (און זיין פאטער איז געווען א מצרי). איז ער געגאנגען אין בית דין פון משה, און איז ארויסגעגאנגען חייב (אז ער קען נישט אריינקומען אין מחנה דן). האט ער זיך אוועקגעשטעלט און האט געשימפט רח"ל דעם נאמען פון באשעפער.**

**זאגט דער איזשביצער זי"ע, דער "מגדף" האט דאך לכתחילה געמיינט לשם שמים, ער האט געוואלט זיין איינגעפלאנצט אין כלל ישראל, זיין באהאפטן מיט אלע אידן, נאר ער האט געהאט תרעומות אין הארץ אז מען האט איהם דערווייטערט פון אידישן פאלק. דאס האט איהם געברענגט צו די נידעריגסטע מדריגה רח"ל. ער שרייבט: די גאנצע פרשה איז געשריבן געווארן "להראות עד היכן צריך האדם להרחיק עצמו מכל מיני תרעומות", כדי צו ווייזן ווי ווייט דער מענטש דארף זיך דערווייטערן פון יעדן סארט תרעומות.**

**און ער פירט אויס: יעדער איד, וויבאלד ער איז דבוק אין דעם אויבערשטען און ער מיינט לשם שמים, איז אפילו אויב דער אויבערשטער שטופט איהם אוועק פון א געוויסע טובה, מיט דעם אליין ווערט ער אנגערופן אן "עובד ה'", מיט דעם וואס ער דערווייטערט זיך לויט דעם רצון פונעם באשעפער, און ער וועט זוכה זיין צו א גרויסע טובה. צום ביישפיל, א בעל מום פון די קינדער פון אהרן הכהן, מיט דעם אליין האט ער זוכה געווען צו א גרויסע טובה, מיט דעם וואס ער האט זיך דערווייטערט פון די עבודה.**

**די גמרא זאגט אז יעדער דבר שבקדושה דארף האבן א מנין פון צען מענטשן, ווייל דער פסוק זאגט "ונקדשתי בתוך בני ישראל", און מען לערנט עס ארויס "תוך תוך" און "עדה עדה", עס שטייט "ונקדשתי בתוך בני ישראל", דא שטייט "בתוך", און ביי די מרגלים שטייט "הבדלו מתוך העדה הרעה הזאת". אויך שטייט דארט "העדה", און ביי די מרגלים שטייט "עד מתי לעדה הרעה הזאת", וואס מיינט די צען מרגלים, אויסער יהושע און כלב.**

**פרעגט דער הייליגער רבי ר' מענדעלע זי"ע פון רימנוב, פארוואס לערנט מען ארויס אזא הייליגן ענין, דווקא פון עדת קרח און פון די מרגלים? ענטפערט ער א מורא'דיגע ווארט, וואס דארף אריינדרינגען אין יעדן אידישן הארץ, אז דאס קומט אונז צו לערנען, אז אפילו אזעלכע מענטשן ווי קרח ועדתו און די מרגלים, זענען געווען גוט אין זייער פנימיות. און אז דער "תוך" איז גוט דאן קען יעדער איד צוריק קומען צום באשעפער.**

הרה"ק רבי שלמה קארלינער זי"ע האט געזאגט אויף די ווערטער פון חז"ל "ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך - שלא יהיה לבך חלוק על המקום". די כוונה פון חז"ל איז, אז וואו דער מענטש געפינט זיך, דארף ער דינען דעם אויבערשטען. עס זענען דא מענטשן, וואס זאגן אז אין דעם ארט וואו זיי געפינען זיך יעצט, קען מען נישט דינען דעם אויבערשטען, און אז אויב זיי וואלטן געווען אין אן אנדער ארט, וואלטן זיי אוודאי געטוהן דעם רצון הבורא. דאס איז די כוונה פון די ווערטער "שלא יהא לבך חלוק על המקום" - דיין הארץ זאל נישט "קריגן" אויף דעם ארט, צו זאגן אז דא קען מען נישט דינען דעם אויבערשטען ווי געהעריג. באמת, איז נישט דאס ארט דער גורם פאר דעם מצב, ווייל וויבאלד אלעס איז פון דעם אויבערשטען, און זיין רצון איז אז דער מענטש זאל זיך יעצט געפינען אין דעם ארט, ווייסט דאך דער אויבערשטער אויף זיכער אז דער ארט וועט איהם נישט גורם זיין א מניעה אין עבודת ה'. די מניעה קומט נאר פון דעם מענטש אליין.

לויט דעם, טייטשט דער איזשביצער אויף א וואונדערליכן אופן די ווערטער פון די גמרא (ע"ז ג .) אז לעתיד לבוא, וועלן די גוים בעטן ביי דעם אויבערשטען, ער זאל זיי געבן א חלק אין עולם הבא, אזוי ווי פאר די אידן, און דער אויבערשטער וועט זיי זאגן: "איך האב א לייכטע מצוה וואס הייסט סוכה, גייט און זייט עס מקיים". וועט יעדער איינער פון זיי גיין און מאכן א סוכה אויפ'ן דאך, און דער אויבערשטער וועט מאכן עס זאל זיין זייער הייס אזוי ווי די זון אין תקופת תמוז, און יעדער איינער פון די גוים וועט שטויסן זיין סוכה און ער ווערט ארויסגיין פון די סוכה. מיט דעם וועט מען דערקענען דעם חילוק צווישן א איד און א גוי. ביי אידן, כאטש זיי זענען אויך פטור פון מצות סוכה ווען זיי האבן צער צוליב די הייסע זון, אבער זיי שטויסן נישט די סוכה, אבער די גוים שטויסן. די מפרשים רעדן איבער דעם ענין וואס דער אויבערשטער וועט זיי אויספרובירן דווקא מיט די מצוה פון סוכה.

זאגט דער איזשביצער זי"ע, אז מצות סוכה איז דאך צו לערנען אז מ'דארף ארויסגיין פון די קביעות'דיגע דירה וואו מ'וואוינט א גאנץ יאר, און אריינגיין אין א "דירת עראי" - א צייטווייליגע וואוינונג. דאס איז מרמז, אז דער מענטש דארף זיך לאזן נאכגיין נאכ'ן רצון פון באשעפער, און ער זאל נישט האבן תרעומות אויב דער אויבערשטער שיקט איהם אונטער א מניעה צו קענען מקיים זיין א מצוה, ווייל וויבאלד דאס איז דער רצון ה', וועט ער אויך יעצט מקיים זיין דעם אויבערשטען'ס מצוות, דורך דעם וואס ער שיידט זיך אפ דערפון, און דער גוי וואס "שטויסט" ווען ער קען נישט מקיים זיין א מצוה, ווייזט ער דער מיט אז אויך ווען ער האט שוין יא געוואלט מקיים זיין די מצוה, האט ער נישט געמיינט דערמיט לשם שמים.

## מעלת הבטחון

בטחון און השתדלות

איינע פון די ברייטע סוגיות ווען עס קומט צו בטחון, איז דער ענין פון השתדלות, וואס ביי פיל מענטשן הערשט א שטיקל צומישעניש דערין. עס איז נישט דא קיין קלארער מהלך וואס מיינט דאס השתדלות, וואס גייט אלץ אריין אין דעם, און וואס איז שוין נישט אין דעם כלל, וואס איז מען מחוייב, און וואס טאר מען נישט טון, און אזוי ווייטער.

די ערשטע זאך וואס עס מוז זיין קלאר נאך פאר מען גייט אריין אין די שאלה וויפיל השתדלות א מענטש איז מחוייב צו טוהן איז, אז כולי עלמא מודי, יעדער ערליכער איד פארשטייט אז השתדלות ברענגט נישט קיין פרנסה, עס העלפט איהם אפילו נישט צו מיט א משהו, און עס טוט ממש גארנישט אויף פאר'ן מענטש.

דער ריכטיגער וועג וויאזוי א מענטש דארף אנקוקן די השתדלות וואס ער טוט, איז ווי דער בית הלוי שרייבט אין זיין מאמר אויף בטחון, אז דער מענטש זאל געדענקען אז די גאנצע זאך פארוואס ער דארף בכלל טוהן השתדלות, איז אלס אן עונש אויפ'ן חטא פון אדם הראשון וואס ער האט געגעסן פונעם עץ הדעת, און אויך וויבאלד דער מענטש איז נתגשם געווארן און ער האט א גרעסערע תאוה צו זינדיגן, האט דער באשעפער געוואלט אז ער זאל זיין פארנומען כדי ער זאל נישט האבן קיין צייט צו זינדיגן.

אבער ווען נישט דאס, וואלט ער באקומען זיין פרנסה אויף א גאלדענעם טאץ, און עס איז טאקע פארהאנען צדיקים וואס זיי זענען זוכה אפילו היינט צו באקומען די פרנסה אויף אזא וועג, אן דארפן ארבעטן.

אבער עס איז אזוי ווי יעדע זאך וואס א מענטש איז מחוייב צו טהון, און עס האט גארנישט צו טוהן די מעשה מיט די תוצאה, די פרנסה אדער די רפואה אד"ג. אויב א מענטש טוט נישט וואס ער איז מחוייב, דאס קען צוברענגען אז ער זאל באקומען אן עונש אז ער זאל נישט באקומען קיין פרנסה, ער זאל נישט ווערן אויסגעהיילט, א.א.וו.

קומט אויס אז ווען עס קומט צו די מחשבה פונעם מענטש, דארט איז זיכער נישט שייך קיין השתדלות, און דארט דארף ער וויסן מיט א קלארקייט, אז נאר דער באשעפער קען איהם העלפן, און חוץ פון איהם קיינער נישט.

## השגחה פרטית

**אלעס וואס איך האב אין טאש איז דיינער**

עס דערציילט א כולל יונגערמאן: עס איז שוין לאנגע יארן וואס כ'לערן אין א כולל און ברוך-השם ווען עס רעדט זיך פון דורכשטופן דער טאג טעגליכער לעבן גייט עס גאנץ בחסד. מיט א שטיק צייט צוריק איז מיין זון געווארן א חתן. די שמחה אין שטוב איז געווען געוואלדיג גרויס. מען האט זיך געפריידט און געפראוועט די שמחה אויף א גרויסער פארנעם אבער די געלט שאלה האט געדרוקט.

מילא אויפ'ן טאג טעגליכער לעבן קומט מען נאך אויס אבער דא אז עס קומט צוגיין אזא גרויסע הוצאה פון וואו נעמט מען עס? אין א טאג האב גערעדט וועגן דעם מיט מיין שוואגער אין אויסלאנד. דער שוואגער איז גוט באקאנט מיט אסאך רייכע אידן און הערנדיג איבער מיין מצב האט ער מיר מציע געווען אז איך זאל ארויסקומען קיין אויסלאנד און דא וועט ער זען וויאזוי ער קען מיר העלפן.

נישט האבנדיג קיין אנדערע אויסוועג האב איך אנגענומען די הצעה. איך בין ארויסגעקומען קיין אויסלאנד און מיין שוואגער האט געהאלטן ווארט. מיט אן אויסטערלישער געטריישאפט האט ער זיך אפגעגעבן פאר מיר. אויסער די שיינע הכנסת אורחים וואס ער האט געמאכט האט ער מיר פערזענליך באגלייט צו די שטיבער פון אסאך רייכע אידן און זיין ערשיינונג האט געווירקט, די אידן האבן זיך אנגערופן מיט שיינע סומעס.

עס איז געווען דער לעצטער טאג פון מיין ווייל אין אמעריקע ווען אין דער באגלייטיגונג פון מיין שוואגער זענען מיר אריבער צו א רייכער איד אינדערהיים. דער איד וואוינט בשכינות פון א צווייטער איד און שטייענדיג ביים טיר האב איך בטעות געגעבן א קוועטש אויפ'ן טיר פון דעם שכן.

דער שכן האט געעפענט דער טיר און זעענדיג אז צוויי אידן שטייען ביים טיר האט ער אונז פארבעטן אז מיר זאלן אריינקומען אינעווייניג אין שטוב. זעענדיג אז עס איז נישט דער גביר צו וועמען מיר זענען אריגינעל געקומען האבן מיר זיך געאיילט אבער יענער איד איז געווען געדולדיג, ער האט אונז געהייסן זיצן און מכבד געווען אז מיר זאלן מאכן א ברכה און אונז געגעבן א שיינער סומע.

ווען מיר זענען ארויס פון זיין שטוב זענען מיר גלייך אריבער צום שטוב פון דער עושר אבער אזוי ווי עס איז שוין געווען שפעט האט ער נאכ'ן הערן וואס מיר ווילן פון אים זיך געגעבן א רוף אז עס איז שוין זייער שפעט, ער האט נישט קיין צייט צושרייבן א טשעק און וועגן דעם וועט ער אריינשטעקן זיין הענט אין טאש און וויפיל געלט עס וועט דארט זיין וועט ער געבן.

מיר האבן נישט געוואוסט וואס צו ערווארטן אבער דער מזל האט אונז געשפילט. דער עושר האט אריינגעשטעקט אין טאש און ארויסגענומען פון דארט א בינטל מיט געלט. עס איז געווען א שיינער סומע. דער עושר אליין איז געווען שאקירט פון די סומע, ער האט שוין נישט געהאט געדענקט אז ער האט אזא סומע אין זיין טאש.

״אז איך האב געזאגט וועל איך דיר עס געבן״. האט ער געזאגט און מיר דערלאנגט די סומע.

מיר האבן איינגעזען אז דער גאנצער שלעפעניש ביים שכן איז געווען מן השמים, אז מיר זאלן קענען דערהאלטן אויף אן אומגעראכטענער וועג א לייטישע סומע.

**אויף מיר האט ער געווארט**

איך וואוין אין די שטאט בית שמש. עס איז געווען אין די פארלאפענע זומער וואכן ווען איך בין געווען אין ירושלים עיה״ק אויף א ספעציעלער כינוס. דער כינוס האב זיך אנגעהויבן פארנאכטס, און זיך געשלאסן אין די שפעטע נאכט שעה'ן. זייענדיג א גרויסער כינוס האט מען צוגעשטעלט א באזונדערע טראנספארטאציע פאר די איינוואוינער פון בית שמש.

ווען דער כינוס האט זיך געענדיגט האב איך זיך געגרייט ארויפצוגיין אויפ'ן באס וועלכער פירט קיין בית שמש צוריקצופארן אהיים. א רגע איידער כ'בין ארויף אויפ'ן באס האב איך זיך דערמאנט אז איך האב נאכנישט געדאווענט קיין מעריב. ביי מיינע עלטערן אין שטוב איז דא א קבלה אז מען פארט נישט ארויס פון א שטאט איידער מען דאווענט מעריב. דער באס האט שוין געהאלטן ביים ארויספארן. דער זאל איז געווען אויסער'ן געגענט. דער נסיון איז געווען גרויס אבער ענדע האב זיך געשטארקט. אין די לעצטע רגע בין איך צוריק אריין אין זאל און זיך געשטעלט דאווענען מעריב.

וויאזוי וועל איך אנקומען אין שטוב? האב איך זיך געפרעגט אבער איך האב זיך געטרייסט אז השי״ת האט זיך שוין זיינע וועגן. אין מיין מח איז מיר דורכגעלאפן א געדאנק אז השי״ת איז א כל יכול ער קען מיר צושטעלן א פריוואטע קאר וואס זאל מיר אהיימפירן.

איך קום ארויס פון זאל און כ'זעה ווי א איד זעצט זיך אריין אין זיין קאר. וואו דארפסטו? פרעגט מיר דער איד. קיין בית שמש״. נו, איז דאך גוט, קום אריין, איך פאר אויך אהין״. איך האב געזען ווי פון הימל זארגט מען זיך פאר מיר.

## לעבן מיט בטחון

**ויתן ויחזור ויתן, דער אויבערשטער געבט אין מאל און נאכאמאל**

וועגן די ענין פון פרנסה, שטייט ביי די ברכות וואס יעקב אבינו האט באקומען, און יצחק אבינו האט אים ווארעם אנגעוואונטשן ״ויתן לך אלוקים מטל השמים ומשמני הארץ ורוב דגן ותירוש.״

דער הייליגער דגל מחנה אפרים ברענגט די קושיא פונעם זוהר הקדוש. די זוהר הקדוש פרעגט, וואס איז די חילוק צווישן וואס יצחק האט געוואונטשן פאר יעקב און וואס ער האט געוואונטשן פאר עשו? פאר עשו האט ער דאך אויך געוואונטשן 'הנה משמני הארץ יהיה מושבך ומטל השמים מעל, דאס איז דאך כמעט די זעלבע ווערטער ווי פאר יעקב?

דער דגל מחנה אפרים פארענטפערט די קושיא פונעם זוהר, און ער איז מסביר. פאר עשו האט יצחק געוואונטשן ״משמני הארץ יהיה מושבך.״ דיינע ברכות זאלן קומען אויף דיר בדרך הטבע באופן פון ארציות, אבער אויב איז דא א מזל אדער א כוכב וואס וועט צוריק האלטן דיינע השפעות, וועסטו גארנישט קענען טוהן צו ממשיך זיין ווייטער דיינע השפעות.

פאר יעקב אבינו האט יצחק געוואונטשן מיט גאר אן אנדערע לשון. ״ויתן לך האלוקים מטל השמים ומשמני הארץ וגו׳.״ יעקב'ס ברכות זענען נישט געקומען אויף אים בדרך הטבע, נאר למעלה מדרך הטבע, דירעקט פונעם רבונו של עולם צו אים. קיין שום מזל אדער כוכב וועט נישט קענען צוריק האלטן יעקב'ס ברכות און השפעות! ווי נאר א מזל אדער כוכב וועט נאר פראבירן צו מונע זיין די השפעות פון קומען, וועט מען מתפלל זיין צום רבונו של עולם און די השפעות וועלן ווייטער פליסן עד בלי די.

עס שטייט אין ספר אמרי קודש פון הרה״ק רבי יוחנן מראחמיסטריווקא זצ״ל. ער האט געטייטשט ״ויתן לך האלוקים מטל השמים וגו׳,״ ויתן ויחזור ויתן. השי״ת וועט אונז נישט געבן אלע השפעות אויף איין מאל, נאר יעדן טאג וועלן מיר באקומען פרישע השפעות פאר דעם פרישן טאג! דאס איז א געוואלדיגע חסד פון אויבערשטער אז א איד פילט אז ער איז אנגעוויזן אויף דעם אויבערשטער'ס חסדים מדי יום ביומו.

דער ראחמיסטריווקער רבי זצ״ל פלעגט נאכזאגן פונעם שם משמואל בשם הרה״ק איציקל ווארקער זי״ע. דער נחש הקדמוני נאכ'ן מכשיל זיין אדם וחוה איז געשאלטן געווארן ״ועפר תאכל כל ימי חייך.״ פרעגט הרה״ק איציקל ווארקער זי״ע: 'האט דען דער נחש באקומען א קללה? ער האט דאך באקומען דער בעסטער ברכה! ווי ער געפונט זיך נאר, און ווען ער וויל האט ער בריווח צו עסן!

כדי דאס צו פארענטפערן געבט ער א משל. א קעניג האט געהאט צוויי קינדער. פאר איינעם האט ער געגעבן גאר א גרויסע סכום געלט פאר זיין פרנסה און אים אוועקגעשיקט זיך צו מאכן א לעבן אליינס. פארן צווייטן האט ער נאר געגעבן וויפיל ער דארף צום לעבן פאר איין טאג. עס איז נישט קיין שום ספק אז דער קינד וואס ער האט געגעבן נאר גענוג געלט צום לעבן פאר איין טאג האט ער א סך מער ליב ווי דעם אנדערן, ווייל דער קינד וויל ער זעהן יעדן טאג, און ער וויל אים יעדן טאג קענען געבן! דעם צווייטן קינד האט ער טאקע געגעבן גאר א סך געלט, אבער ער וויל אים מער נישט זעהן.

זאגט הרה״ק איציקל ווארקער זי״ע: ״דאס איז געווען דער גרויסע קללה וואס דער נחש האט באקומען. דער אויבערשטער האט אים געזאגט 'דא האסטו דיין עסן פאר דיין גאנצע לעבן. איך וויל נישט הערן פון דיר, און בעט מיך מער גארנישט!' דאס איז די ערגסטע קללה און עונש וואס מען קען נאר באקומען, אז דער אויבערשטער זאגט 'איך וויל נישט הערן פון דיר.

האט דער ראחמיסטריווקער רבי זצ״ל אויסגעפירט, ״דאס איז געווען די ברכה פאר יעקב אבינו. ויתן ויחזור ויתן. יעדן טאג וויל דער אויבערשטער אויסהערן זיינע תפילות, און יעדן טאג וויל אים השי״ת פון פריש משפיע זיין חסדים ורחמים״.